# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn


### Title
Our Middleschool / Undzer Mitlshul


### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/8t8167dc



### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 4(1)



### Author
Kurman / Kurman, Z. / Z.



### Publication Date
1953



### Copyright Information
Copyright 1953 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# אונדזער מיטלשול

פון דר. ז. ז. קורמאַן

די מיטלשול האָט איצט ווידער פאַרענדיקט אַ דערפאָלגרייך יאָר אַרבעט, און קען ווי תמיד פאַרצייכענען אַ צאָל דערגרייכונגען.

דעם פאַרגאַנגענעם לערן־יאָר האָט די מיטלשול צום ערשטן מאָל אַרויס־געגעבן אַ זאַמלונג קינדער־אַרבעטן, וואָס איז ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן סיי איבער דער שטאָט, סיי אויך איבערן לאַנד. דער קריטישער אָפּרוף איז געווען זייער אַ דערפרייענדיקער. אין דער זאַמלונג זיינען אַריין אַ ריי עסייען איבער געשיכטלעכע, ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס. עס וואָלט כדאי געווען, אַז די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט זאָל זיך נעענטער באַקענען מיט דער זאַמלונג, כדי צו האָבן אַ בעסערן באַגריף וועגן דער אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אין שול.

די מיטלשול האָט אויך דאָס יאָר דורכגעפירט אַ שיינעם באַנקעט מיט אַ רייכער קינסטלערישער פּראָגראַם, וואָס איז געווען אַן אמתע דעמאָנסטראַציע פאַרן יידישן וואָרט און יידישער דערציאונג; און אַ ריי אַנדערע אונטערנעמונגען.

באַזונדערס האָבן זיך אָבער אויסגעצייכנט צוויי גרויסע אונטערנעמונגען: דער דערעפענונגס־יום־טוב און דער סיום־הזמן.

אויפן דערעפענונגס־יום־טוב האָבן די מיטלשול־תלמידים מיט גרויס דערפאָלג אויפגעפירט פראַגמענטן פון איציק מאַנגערס „האָצמאַך־חלום“, און חיים גראַדעס „מיין יידישער לשון“ — אַ קאָלעקטיווע רעציטאַציע; ביידע אונ־טער דער קינסטלערישער לייטונג פון באַקאַנטן אַקטיאָר יצחק ראָטבלום. אַ חוץ דעם האָט זיך אויך באַטייליקט דער מיטלשול־כאָר מיט אַ נייעם רעפּער־טואַר פון יידישע און העברעאישע לידער, דיריגירט פון יהודה מאַלעק. דער אָוונט האָט אַרויסגערופן גרויס באַגייסטערונג ביים גרויסן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט דעם שיינעם מוזישאַנס האָל.

באַזונדערס אָבער האָט זיך דאָס יאָר איינגעגעבן די גראַדואיר־פייערונג. זי האָט באמת דערגרייכט אַ געוויסע מדרגה פון שלימות. ביז שפּעט ביינאַכט איז דער גרויסער עולם געזעסן און זיך צוגעהערט צום זאַפטיקן היימישן יידיש וואָס איז געקומען פון די מיילער פון אַמעריקאַנער געבאָרענע קינדער, און באַוואונדערט זייערע תוכיקע יידישע ידיעות. כמעט אַלע שיכטן פון יידישן לאָס אַנדזשעלעס זיינען געווען פאַרטראָטן אויף דער גראַדואירונג. די גאַנצע יידישע פּני איז דאָרט געווען: אונדזערע בעסטע שרייבער און קינסטלער, פאַר־שטייער פון דער יידישער קהילה־פאַרוואַלטונג און פון דער ביוראָ פאַר יידי־שער דערציאונג, בראש מיט איר פאָרזיצער, ח׳ דוד ס. באַסאַן. דעם טאָן פון אָוונט האָט אָנגעשלאָגן דער פאָרזיצער פון דער מיטלשול, דער באַקאַנטער קולטור־טוער הערי ראָטבלאַט, און דער מיטלשול־כאָר אונטער דער לייטונג פון בען פאָלאַק. מיטן סימפּאָזיום, וואָס די גראַדואַנטן האָבן דורכגעפירט, האָט אָנגעפירט דער גראַדואירנדיקער תלמיד אבא גאָלדפאַרב. אינם ערשטן טייל פון סימפּאָזיום האָבן זיך באַטייליקט פיר תלמידים־גראַדואַנטן.

זעסל סטערלין האָט גערעדט אויף דער טעמע: „ירמיהו דער נביא פון צער און צאָרן“. זי האָט איר רעדע אילוסטרירט מיט ציטאַטן אין העברעאיש און יידיש פון ספר ירמיהו. איר פולבלוטיקער יידיש, איר אַרומוואַרפן זיך מיט פסוקים פון נביא האָט אַרויסגערופן גרויס דערהויבונג ביי אַלעמען.

דער צווייטער סימפּאָזאַנט, אברהם מאס, האָט גערעדט וועגן „חסידיזם י אַ פאָלקס־באַוועגונג“. ער וואונדערט זיך אַליין, ווי אַזוי ער קומט צו ריידן יף דער דאָזיקער טעמע. ער, אַן אַמעריקאַנער געבאָרענער יידישער פּראָג־סיווער בחור, וואָס האָט קיין מאָל ניט אַריינגעשמעקט אין אַ חסידישן

קליזל, וואָס האָט קיין מאָל ניט געזען קיין חסידישן רבין, ווי קומט ער צו ריידן וועגן חסידות. זיין ענטפער איז געווען, אַז די שיינע ראָמאַנטיק פון חסידיזם צוזאַמען מיט זיין עטישן אינהאַלט האָבן אים פאַרכאַפּט, און ווי יענער ליטוואַק אין פּרצעס „אויב נישט נאָך העכער" איז ער אויך א „חסיד" געוואָרן. ער האָט אָנגעוויזן אין זיין רעפעראַט אויף די סיבות וואָס האָבן דאָס חסידות אַרויסגערופן, אויף זיין תוך און פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער, און אויף זיין השפּעה אויף דער יידיש־וועלטלעכער ליטעראַטור.

דבורה גאָלדפאַרב האָט גערעדט וועגן „דריי הונדערט יאָר יידישן לעבן אין אַמעריקע". זי האָט זיך גענויער אָפּגעשטעלט אויף דער יידישער השפּעה אויף דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע בכלל, און אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג בפרט, און אויפן בייטראַג פון אַמעריקאַנער יידישן ישוב פאַרן יידישן פאָלק.

אָפּגעשלאָסן דעם ערשטן טייל האָט מרים ראבין מיט איר אָריגינעלן רעפעראַט וועגן „יידישער גבורה דורך די דורות". זי האָט פאַרגליכן די יידישע גבורה מיט דער גבורה ביי די אומות העולם, און איז געקומען צו דער מסקנא, אַז די יידן האָבן פאַרמאָגט אַ העראָאישע תקופה בלויז אין אָנהייב פון זייער געשיכטע, אין דער צייט פון די שופטים און ערשטע מלכים. און נאָך אַן עקסקורסיע איבער דער יידישער געשיכטע, איז זי געקומען צום אויספיר, אַז די יידישע גבורה איז די גבורה פון גייסט, און ניט פון כוח, פון ליידן, פון ווידערשטאַנד, פון קידוש־השם. אָבער אויך אין אונדזער ווידערשטאַנד האָבן מיר אַרויסגעוויזן אַ סך פיזישע גבורה, אָבער ניט ווי יחידים, ווי איינצלנע העלדן, נאָר ווי אַ גרויסער פאָלקישער קאָלעקטיוו. און דערפאַר האָבן מיר ניט קיין קולט פון העלדן, ווייל דאָס גאַנצע פאָלק איז דער העלד געווען.

נאָך אַ קורצער הפסקה האָבן די תלמידים פון די ייִנגערע קלאַסן אויפגעפירט די „רייזענאַדע", לכבוד דעם אָנדענק פון אונדזער גרויסן דיכטער און שרייבער אברהם רייזען. דורך נאַראַציע, געזאַנג און רעציטאַציע האָבן זיי איבערגעגעבן רייזענס לעבן און אונדז באַקאַנט מיט זיין שאַפן.

אינם צווייטן טייל פון סימפּאָזיום האָבן זיך באַטייליקט די איבעריקע דריי גראַדואַנטן. אויף דער בינע זיינען שוין איצט אַ חוץ די גראַדואַנטן אויך געזעסן די לערער, די פאָרשטייער פון דער ביורא, און אונדזער גרויסער דיכטער ה. רויזענבלאַט.

פייגעלע באראש הייבט אָן דעם צווייטן טייל פון סימפּאָזיום מיט אַ רעפעראַט וועגן גרויסן דיכטער: „ה. רויזענבלאַט, צו זיין 75־יאָריקן געבוירנטאָג". איר שיינע קריטישע אָפּהאַנדלונג צוזאַמען מיט דער באמת קינסטלערישער אויסטייטשונג פון ה. רויזענבלאַטס לידער האָבן איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם אויף אַלעמען, און באַזונדערס אויפן דיכטער אַליין. ער איז צוגעגאַנגען צו איר און זי אַ קוש געטאָן און געזאָגט: „הלוואַי שרייבן די יידישע קריטיקער אַזוי".

שיינדל שוואַרץ האָט גערעדט אויף דער טעמע: „דער געזאַנג פון דער געטאָ". עס איז באמת צו באַוואונדערן, זאָגט שיינדל, וואו די יידן האָבן געפונען אַזוי פיל מוט און בטחון צו זינגער לידער, בעת דער שאָטן פון טויט איז געהאנגען איבער זייערע קעפּ. זי האָט איינגעטיילט די „לידער פון די קאַלאָניעס" אין עטלעכע גרופּעס, און זיי אילוסטרירט מיט ביישפּילן.

פאַרענדיקט דעם סימפּאָזיום האָט אבא גאָלדפארב מיט אַ רעפעראַט וועגן „משה העס און זיין רוים און ירושלים". ער האָט געגעבן אַ קורצע ביאָגראַפיע פונם דענקער און אַ היסטאָרישן הינטערגרונד פון דער תקופה.

נאָכן סימפּאָזיום האָט דער פאָרשטייער פון דער ביורא, פּראָפעסאָר לע... מאַן באַגריסט די גראַדואירטע, עלטערן, טוער און לערער, און דער דירעקטאָר פון דער מיטלשול האָט זיך געזעגנט מיט זיין גראַדואיר־קלאַס. דער פאָרזיצער פון דער ביורא, דוד ס. באסאן, האָט אויסגעטיילט די דיפּלאָמעס. די לערערין ריווע זאלאטאראוו האָט זיי געגעבן זשעטאנען.